STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 14090

# YUNGE TEG :

Halter, Perl

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פערל האַלטער

מיניאַטור־
ביבליאָטעק

4

# יונגע טעג

0-657-14090-2
NYPH99-B4124

אַלוועלטלעכער ייִדישער
קולטור־קאָנגרעס
אין פראַנקרייך

מיניאטור –
ביבליאטעק

# מיניאַטור־ביבליאָטעק 4

פערל האלטער

# יונגע טעג

לידער

תשכ״ב פּאַריז 1962

אלוו. יידישער קולטור - קאָנגרעס אין פראנקרייך

אילוסטראציעס :

מאַרעק האַלטער און ד. טושינסקי

Perl Halter : « Youngé Teg »
(« Jeunes Journées ») Poèmes

פערל האַלטער — יונגע
טעג — „מיניאַטור - ביבליאָ-
טעק“ פון קולטור - קאָנגרעס
אין פראַנקרייך — נומער 4,
פאַריז 1962

« COULTOURE CONGRESSE »
36, rue Amelot — PARIS (11e)

Imp. Abécé, 21, rue Juliette-Dodu, Paris-10e

# א וואָרט וועגן מחבר

„דערמאָנונגען" האָט פּערל האַלטער אָנגערופן איר ערשט לידער־בוך, דערשינען מיט קרוב צען יאָר צוריק אין פּאַריז.

שוין פריער האָט די דיכטערין פאַרעפנטלעכט אירע לידער אין פאַרשידענע יידישע אויסגאַבעס פון פוילן, אַמעריקע, פראַנק־רייך, אַרגענטינע א׳ אַ.

דאָס זענען אין רוב געווען לידער פון צער, וואו די דער־קענטעניש פון חורבן, וועלכן זי האָט איבערגעלעבט אין נע־ונד, האָט פאַרפינצטערט דעם האָריזאָנט פון דער דיכטערין. פאַר־שטעלט דאָס ליכט פונעם טאָג, וואָס אין אַלע פאַרבן איז ער דאָך געבליבן פינצטערלעך-גרוי.

האָט די דיכטערין געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַר איר גלייכגע-וויכט אין די דערמאָנונגען פונעם פאַרשוואונדענעם אַמאָל.

„יונגע טעג", הייסט די איצטיקע בוך־אויסגאַבע. לידער פון אינגאַנצן אַן אַנדער שטימונג, אויסגעלעבט אין אַן אַנדערער אַטמאָספערע, פון לחלוטין אַן אַנדערער דיכטערישער וויזיע. דאָס זענען לידער — פאַר קליין און גרויס — אין אַ שפּילעוו־דיקן טאָן ; אין יונגן חן פון אַ קינד, וואָס דערזעט צום ערשטן מאָל דעם וואונדער פון זיין.

אין די לידער „יונגע טעג" דערהערן מיר די מוזיק פון אַ פעלד, פון אַ טייכל, פון פרילינגדיקן אויפגאַנג און דעם שניי־פאַל אין אַ ווינטערדיקן טאָג.

אין אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג הייבן דיכטער אָן פאַרקערט: מיט לידער פון די יונגע טעג און ערשט שפּעטער קומען זיי צו דערמאָנונגען. פאַר יידישע דיכטער פון אונדזער דור איז דער „וועג" אַן אַנדערער געווען. אַן איבערגעהאַקטער, אַן אויסגע־קרומטער, אַ פיינפולער — במילא איז אויך דער דיכטערישער אָנרעג און די אַנטוויקלונג געווען אַן אַנדערע.

מ. וו.

Digitized by the Internet Archive
in 2013

http://archive.org/details/nybc214090

פערל
האלטער
יונגע
טעג

# די
# באַן



יאָגט זיך די באַן,
זי לויפט און זי יאָגט.
איינס - צוויי - דריי,
איינס - צוויי - דריי,
ביינאַכט און בייטאָג.

לויפט זי און הודזשעט
מיט גרילץ און געפייף,
איילט זיך און יאָגט זיך
פון ווייט צו דער ווייט.

געקייטלט וואַגאָנען
פון אייזן און שטאָל:
זיי פירן דאָרט לעמער,
פון לעמער די וואָל.

זיי פירן דאָרט קוילן
און פירן דאָרט נאַפט —

וואַגאָנען געצויגן
פון דאַמפּיקער קראַפט —
פון שווערן,
פון אייזערנעם
לאָקאָמאָטיוו,
די פּאַרע זי סיקעט,
טיוו - טיוו! טיוו - טיוו!



וואַגאַנען, וואַגאַנען,
מיט האָלץ פונעם וואַלד,
מיט אָקסן, מיט קעלבער,
מיט תבואה פון פעלד.

דאָס פירט מען די שפּייזן
פון דאָרף אין דער שטאָט:
די גרינסן פון גאָרטן,
די פּרוכטן פון סאָד.

די שטאָט גיט דעם דאָרף אָפּ
פאַר וואוקס און פאַר בלי —
איר שפע פון אַרבעט,
איר לוין פאַר דער מי.

טראַך - טאַך - טאַך,
טראַך - טאַך - טאַך,



עס גרויט זיך אַ שטעג:

טראַך - טאַך - טאַך,
טראַך - טאַך - טאַך,
אַ שטאָלענער וועג.

אַ שטעטל, אַ סטאַציע,
מינוטן צו שטיין,
מענטשן מיט פּעקלעך
זיך שטופּן אַריין.

טייל זעצן זיך ברייטלעך
אַוועק אויף די בענק,
טייל שטייען אין דורכגאַנג
צום פענצטער געווענדט.

און ווידער שוין נעמען
די רעדער זיך דרייען,
פּאַמעלעך, צוזאַמען
אין צוויי גלייכע רייען.

אָט - אָ שוין שנעלער,
גיכער און גיכער,
דאַכט זיך עס טראָגט זיי
און יאָגט זיי אַ וויכער.



וואַגאָנען, וואַגאָנען,
געשלענגלט און גלייך
אַרויף אויף אַ בערגל,
אַריבער אַ טייך.

צעפּייפּט זיך מיט גדלות
דער לאָקאָמאָטיוו,
לויפט דורך די בערג,
טונעלן גאָר טיף,
גאָרנישט איז שווער אים
דעם לאָקאָמאָטיוו.

ביינאַכט צינדט ער ליכטער —
עלעקטרישע אויגן —
דורך פעלדער,
דורך וועלדער,
מיט רעש דורכגעפלויגן.

אויף אייזערנע רעלסן,
אין רייען געשטעלט,
יאָגט זיך די באַן
צו אַ ווייט
ברייטער
וועלט.

# צום קוואַל לויטערן

היי ליכטיק, היי זוניק,
היי גאָלדיק, היי בלומיק —
גרין איז דער באַרג און דער טאָל.
וועלן מיר פריידיקע,
יונגע און גלייביקע,
קומען צום קוואַל פון קרישטאָל.

פון לויטערן, קוואַליקן,
מילד אַזוי כוואַליקן,
טרינקען די בלויקייט וואָס קוועלט;
קוואַליק-באַטרונקענע,
זוניקע, מונטערע —
ברענגען די פרייד צו דער וועלט.

# וואַלקאַן־
# שפּיל

קליינע וואָלקנס אויפן הימל —
ווייסע שאָף און לעמער.
אויפן פעלד אַ פּאַסטוך־יינגל
פּייפּלט אויס א זמר.

פון די לעמער ווערן אָדלער.
פון די אָדלער — שוואַנען.
אויך די שיינע שטאָלצע פייגל
שווימען אָפּ פון דאַנען.

בלייבט דאָס הימל־פעלד נישט ליידיק,
באַלד קומט אָן אַ סטאַדע:
גרויסע קי און קליינע קעלבלעך —
טויזנטער אוודאי.

וואו די קעלבער? וואו די אָקסן?
ווידער שוין פאַרשוואונדן

גאָר אַ נייעס: כ׳זע אַ רייטער,
צו אַ פערד געבונדן.

לויפט דאָס פערד און קען אין וואָלקנס
נישט קיין וועג געפינען.
וויינט דער רייטער און די טרערן
אויף מיין פנים רינען.

לאַכן גרויסע און זיי זאָגן:
— ווייסטו נישט דערוועגן?
ווער עס קוקט אַרויף צו וואָלקנס,
דער ווערט נאַס פון רעגן.

— איי איר גרויסע, איי איר גרויסע!
ווייסט איר נישט דערוועגן?
ווער ס׳וויל זען דעם שפיל פון וואָלקנס,
נעמט פאַרליב דעם רעגן.

# כ׳ האַב
# אַ
# שוועסטער

(פון העברעאיש)

כ׳האָב אַ שוועסטער גאָר אַ ליבע
און אַ קלוגע, הייסט זי בלומע,
אין מיין האַרץ דאָס בעסטע ווינקל
האָט מיין שוועסטער זיך פאַרנומען.

זאָג איך: בלומע, שוועסטער מיינע,
אין מיין האַרץ קענסטו וואוינען,
נאָר געוועזן וואָלט אויך ריכטיק
פאַר דער דירה מיר באַלוינען.

לאַכט מיין שוועסטער און עס לאַכן
אירע סאַמעט - ברוינע אויגן;
און זי זאָגט מיר: עך, מיין ברודער,
צו וואָס קען דען געלט דיר טויגן? —




בעסער גאָר אַ קוש פון האַרצן
געבן דיר, מיין ברודער - לעבן.
אויב מיין קוש איז דיר נישט טייער,
קענסטו אים צוריק מיר געבן.

# איילו
# לו-לו

איילו לו-לו, איילו לו-לו,
קומט די נאַכט פאַרוויגן,
לייכטן-אויף אין הימל שטערן
מיט אַ שטילן ניגון.

קומט לבנה אָן צו שווימען,
וויגט זי איין די שטערן —
דאַרפן קינדער אין די בעטלעך
אויך אַנטשלאָפן ווערן.

נאָר די פייגעלעך, די קליינע
חלומען און בענקען:
בעטן עס זאָל די לבנה
שטערנדלעך זיי שענקען.

די לבנה וויל אויך שלאָפן,
שוועבט זי ווי אין דרימל·

ווילן פייגעלעך גאָר האָבן
ס׳טעלערל פון הימל.

שמייכלט די לבנה: מילא,
וואָס די קליינע ווילן.
איילו לו־לו — מיט קיין שטערן
קען מען זיך נישט שפּילן.

שלאָפן פייגל, קינדער שלאָפן
מיט אַ שלאָף אַ פעסטן,
וועבט די נאַכט אַ בלויען חלום
איבער שטילע נעסטן.

# אַ
# האַלבע
# לבנה

צי האָט איר געהערט,
צי האָט איר געזען,
אַז ס׳איז דער לבנה
אַן עוולה געשען?

מיט טעג נאָר געציילטע
געוועזן אין איר גלאַנץ;
געהאַט האָט לבנה
אַ פּנים אַ גאַנצ׳ס.

און איצטער אַ האַלבע
זי דרייט זיך אַרום
און קוקט אויף דער וועלט
מיט איין אויג אין דער קרום.

# אַפּריל

פאַרהילן זיךביימער
אין גרינעם וואָאַל;
שימערט אויף צווייגן
דאָס גאָלד פון אַ שטראַל.

שושקען זיך קוסטעס
אַ שטיל פּלאַפּלעריי.
וואַקסן די בלעטער,
ווי קליידער אויף זיי.

וואַלד-בלימלעך שפּראָצן
דורך פראָסטיקן טוי,
קוקן צעשמייכלט
צום הימלישן בלוי.

בויען די פייגל
די נעסטן צוריק,
זינגען און זינגען:
טשיריק, טשיריק.

# אַנהייב פרילינג

פרילינג-מלכה אָנגעטאָן
אין הימל-בלויען קלייד,
אויף איר קאָפּ אַ קרוין פון זון —
קומט איצט פון דער ווייט.

אין איר האַנט אַ צווייגעלע,
צעגרינט מיט יונגן צוויט;
וואו זי קומט צעבליט די ערד
אונטער מלכה׳ס טריט.

קומען מיט איר פייגעלעך,
זיי זינגען אויפן וועג —
ווערן וועגן פריילעכע,
ליכטיקער די טעג.

אין פעלד די ערשטע בלימעלעך,
די קעפּלעך הייבן אויף,

שמייכלען צו דער פרילינג-זון
שטיפעריש אַרויף.

זאָגט די גוטע מלכה זיי:
— עס איז די נאַכט נאָך קאַלט;
ווען דער מאָרגן-טוי איז ווייס,
די קעפעלעך באַהאַלט.

חנדלען זיך די בלימעלעך
און שעפטשען שטילערהייט:
— אין די ערשטע פרילינג-טעג
בליען איז אַ פרייד.

# פרילינג

ס׳האָט די זון שוין אירע שטראַלן
פרילינגדיק צעזייט
און אַ יום-טובדיקע בשורה
איבער ערד פאַרשפרייט.

און עס גרינען שוין די גראָזן,
נעמען מילדע ווינטלעך בלאָזן
און די שוואַרצע, פייכטע בייטן,
בלומען טישטעכער פאַרשפרייטן,

בלומען - ריחות, בלומען - דופט
וועלן שמעקן אין דער לופט.

ס׳וועלן ביימער ווידער האָבן
בלעטערדיקע קרוינען,
אין די גערטנער וועלן פייגל
זינגענדיקע וואוינען.

און צעגרינטע זענען גראָזן,
מילדע ווינטלעך נעמען בלאָזן,




און די שוואַרצע, פייכטע בייטן
בלומען - טישטעכער פאַרשפּרייטן,

בלומען - ריחות, בלומען - דופט:
ס'איז מיט פרילינג פול די לופט.

# גרינע
# גרעזעלעך

אין דעם פרישן מאָרגן - בלוי,
קושן זיך מיט זון און טוי —
צאַרטע, קליינע, גרינע גרעזעלעך.

פון דערוויטנס, מילד און ווייך,
כוואַליעט זיך אַ גרינער טייך —
פרישע, טונקל - גרינע גרעזעלעך.

אויף לאָנקעס אינעם בלויען גלאַנץ,
שוועבן פלאַטערלעד אין טאַנץ —
בריליאַנטן פינקלען אויף די גרעזעלעך.

אויף לאָנקעס קומען קי אַרויס,
טרינקען די בריליאַנטן אויס —
מיט די פרישע, גרינע גרעזעלעך.

# אַ הון
# איז
# געשטאַנען

אַ הון איז געשטאַנען אַליין אינעם פעלד,
האָט זיך אַ צווייטע דערנעבן געשטעלט.

קומט אָן אַ דריטע, אַ פערטע נאָך איר,
הייבן אָן קוואָקען די הינער, די פיר.

קומט צו אַ פינפטע, אַ זעקסטע צו זיי,
— וואָס ווילן די הינער? וואָס איז דאָס געגיי?

נאָך איינע, נאָך צוויי, און אַ צענטע שוין גייט —
לויפט אָן אַ האָן, מיט קריי זיך צעקרייט.

קומען פון הייף אויך די קאַטשקעס אַרויס,
אינדיקעס, גענדז — און דער טומל ווערט גרויס:

קאָ־קאָ, און גול־גול! גאַ־גאַ, און קוואַ־קוואַ!
— וואָס איז דאָ געשען אַ צונויפלויף אַזאַ? —

קוקן די עופות מיט אומרו זיך אָן.
צעקרייט זיך נאָך העכער און בייזער דער האָן.

פּאַטשט מיט די פליגל און רויט איז זיין קאַם:
קו - קו - רי - קו - ו - ו! — אַזאַ טאַראַראַם...

שפּרינגען ארויס אויך די הינט מיט געביל
און ס'ווייס נאָך נישט קיינער וואָס עמעצער וויל;

לויפן נאָך הינער און קאַטשקעס געשווינד,
פליען שוין פעדערן ווייסע אין ווינט.

וואָלט נישט גענומען צום טומל קיין עק,
ווען ס'שטעלט נישט די הון זיך —
די ערשטע — אַוועק

און גיט נישט דעם עולם געגנוי צו פאַרשטיין:
— איך האָב נאָר געוואָלט אין פעלד זיין אַליין!



# אין
# אַ הייסן
# זומער-טאָג

פלאַטערט אַ פלאַטערל מיד אויף אַ בלום,
טרילערט אַ פייגעלע שטיל אויף אַ בוים,
ווינטעלע אָטעמט אויף זאַנגען אַרום,
גלעט זיי די ווייצענע קעפּעלעך קוים.

אַ וואַסערל לויפט אינעם טאָל ערגעץ ווייט,
וויגט זיך און וויגט זיך און דרעמלט שטיל איין.
די זון אירע בריאיקע שטראַלן פאַרשפּרייט,
שיט גאָלדענע רענדלעך אין וואַסער אַריין.

דער הימל איז בלוי. איין וואָלקנדל ווייס,
שוועבט אין דער הויך, ווי אַ שיפעלע לייכט,
אַ העזעלע שפרינגט פון די גראָזן אַרויס
און קוקט ווי די „שיף" האָט די זון שוין דערגרייכט.

# אַ חתונה אין גאָרטן

געוואַקסן זיינען זומער אין
דעם גאָרטן אויף איין בייט,
דער מייער מיט דער פּיעטרושקע —
דער פּאַסטערנאַק נישט ווייט.

געגלייכט האָט זיך דער פּאַסטערנאַק
צום מייער מיט זיין „חן״,
איצט וועט גאָר די פּיעטרושקע
מיט אים אַ פּאָרל זיין.

אַ פייגעלע דערציילט האָט שטיל
דעם פּאַסטערנאַק אַליין:
— אַ חתונה, אַ חתונה!
וועט היינט אין גאָרטן זיין.

עס צירן זיך אין שלייערן
ווי רויזן שיין — דאָס קרויט.

דער בוראַק אַ פּאַרפּאָרעטער
קוועלט אָן פון נחת — רויט.

דער קאַלאַפּיאָר איז אויסגעפּוצט,
געלאָקט זיין ווייסער קאָפּ.
דאָס ווינטל אויף זיין פייפל בלאָזט,
ער שפּילט אַ פריילעכס אָפּ.

מיט שאַרפן ריח דער סעלער האָט
אַ שאָקל זיך געטאָן.
די ציבעלעס בכבודיק,
זיי שטייען אויבן אָן.

דער דאַרער פּאָרער שמחהדיק
אַ ביסעלע פאַרווײנט,
דער שטשיפּיאָר טענצלט אונטער אויך:
— ס׳אַ חתונה דאָך היינט!

אַ דרשה גרייט דער רעטעך צו —
ס׳וועט האַרב זיין — כ׳גיב מיין וואָרט...
דער פּאַסטערנאַק, דער פּאַסטערנאַק,
געפינט זיך נישט קיין אָרט.

די מאָן-בלום איז אין רויטן קלייד,
די זון-בלום שטייט פאַרקלערט,

די בעבלעך דראַפּען זיך ארויף
און לאַכן — קוים מען הערט:

„וואָס זאָגט איר צו דעם פּאַסטערנאַק?
פאַרקויפט אים כאָטש אין זאַק,
מען נוצט אים צו דעם יאכל נישט,
צום צימעס? — נישט געשמאַק.

קינדער האָבן אים נישט ליב.
עס פילט זיך פון אים — פּע!"
דער מייער ווייזט זיין רויטע צונג
און לאַכט פון אַלע: בע-ע!

בלייבט פאַרשעמט דער פּאַסטערנאַק,
דער גאַנצער גאָרטן לאַכט.
שושקען זיך די בעבעלעך:
„נו, ווער האָט דאָס געמאַכט?"

קאַרטאָפל בולבען פריילעכע,
דער אַרבעס פלעכט אַ קראַנץ;
דעם מייער מיט דער פּיעטרושקע
געפירט אין ערשטן טאַנץ.

# אויפן פידעלע

כ׳האָב באַקומען אַ געשאַנק אַ פידעלע,
אין די סטרונעס איז באַהאַלטן שיינער קלאַנג.
פון דאָ-רע-מי-פאַ-סאָל-לאַ ווערט אַ לידעלע,
דאָ-פאַ-דאָ-סי-לאַ איז שוין געזאַנג.

זינגט דער פויגל אויפן בוים אַ לידעלע,
וויל איך זינגען אויך אַזוי ווי ער,
כאַפּ איך שנעל זיך צו מיין טייער פידעלע,
נעמט עס ברומען, ווי פון וואַלד אַ בער.

ווער איך ברוגז אויף מיין פידל-פידעלע,
וואָס עס זינגט נישט ווי דער פויגל שיין.
זאָגט מען מיר: אויב שפילן גוט אַ לידעלע,
מוז מען לערנען און אין שולע גיין.



# זומער-
# פרייד

ביי דעם גרינעם ווייכן גראָז
פליסט אַ טייכל — פלו - פלו - פלו.
פליסט עס איבער זאַמד און שטיין
און די פּאַליעס זינגען צו:
פלו - פלו - פלו, פלו - פלו - פלו.
און די פּאַליעס זינגען צו.

בלוי דער הימל, ס׳טייכל בלוי
און דער זומער - טאָג איז הייס,
שפּרינג איך אין דעם טייכל — כלופ!
שווים פון ברעג צו ברעג ארויס;
כלופ - כלופ - כלופ, כלופ - כלופ - כלופ,
שווים פון ברעג צו ברעג אַרויס.

אויף דעם גרינעם ווייכן גראָז
גאָלדיק ליגט די זון פאַרשפּרייט.
זינגט דער פויגל טרי - לי - לי:

זומער, זומער, זומער - פרייד.
טרילי - לי, טרילי - לי —
זומער, זומער — זומער - פרייד.

# א קאַפּעלע

נעמט צונויף זיך ליבע פריינד,
אַ קאַפּעלע מאַכט מען היינט.
ווער ס'קאָן זינגען, שפּילן שיין,
קומט־זשע, קומט אין ראָד אַריין.

אויפן פייפל — פיו, פיו, פיו.
אויף טראָמפּייטל — טרו, טרו, טרו.
מוזיקאַנטן איך און דו —
העלפט אונדז קינדער אַלע צו.

האָסט אַ פידל — סטראָיע אָן.
אַ האַרמאָניע — נעם אַ טאָן.
האָסט נישט יענץ און האָסט נישט דאָס,
לאָז אויך נישט אַראָפּ די נאָז.

מיט די הענטלעך — קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ.
טופּעט מיט די פיס צום טאַקט.
ביז מען זאָגט אייך: קינדער שטיל! —
אָט אַזוי זאָל גיין די שפּיל.



# קרויטן

אין גאָרטן אויפן ברייטן בייט,
וואַקסן גרינע הייפּטלעך קרויט.

קרויט מיט קרויטן אין אַ קראַנץ
וויגן זיך אין רויזן־טאַנץ.

נישט ווי רויזן — ראָזאַ, רויט,
זענען שווערע הייפּטלעך קרויט.

אין דעם וויקלען בלעטער בלויז,
זעען זיי ווי רויזן אויס.

שווערע קרויטן — האָפּ, האָפּ, האָפּ.
וויגן זיי זיך קאָפּ צו קאָפּ.

פּעכלען - אויף די בלעטער ברייט —
קלייד אויף קליידער אָנגעקליידט;

פּופּציק קליידער, אפשר מער,
ווערן קרויטן גרויס און שווער.

וואַקסן זיי אַ זומער לאַנג,
קומען גערטנער מיט געזאַנג;

זינגט דאָס פעלד אַ האַרבסטיק ליד,
זענען קרויטן צייטיק, מיד.

לייגט מען זיי אויף פורן אויס
און מען פירט אין מאַרק אַרויס.

# האַרבסט

ס'האָט דער ווינט זיך ווילד צעהוליעט
וויגט דיביימער הין און הער,
ס'איז דער הימל בייז פאַרכמורעט
הענגען גרויע וואָלקנס שווער.

רייסט דער ווינט פון בוים די בלעטער
דרייט מיט זיי זיך אין אַ ראָד,
שורשען טרוקן געלע בלעטער
אין דעם אומעטיקן סאָד.

# פייגעלעך

פייגעלעך, פייגעלעך קומט דאָ צו פליען,
איך האָב פאַר אייך קרישקעלעך ברויט.
האַרבסט האָט מיט רעגן פאַרגאָסן די וועגן,
ליידט איר פון קעלט און פון נויט.

ווינט מיט געוואָי רייסט די בלעטער פוןביימער,
בלייבן זיי נאַקעטע שטיין·
אין נעסטן אין קאַלטע — שווער אויסצוהאַלטן,
קומט אין מיין שטיבל אַריין.

אונטער מיין דעכעלע אויסבויען וועל איך
אַ הילצערן נעסטל, פאַר אייך,
פעדערן נעמען פון קישעלע מיינעם —
אייך זאָל זיין וואַרעם און ווייך.

ווען ס׳וועט דער פרילינג מיט גילדענע שטראַלן
פאַריאָגן דעם שניי און די קעלט —
דער גאָרטן וועט בליען, מיט אייך וועל איך פליען
אַנטקעגן דער פריידיקער וועלט.

# שנייעלעך־
# פליטערלעך

שנייעלעך, פליטערלעך,
פלאַטערלעך ווייסע,
פון וואַנען געקומען
דערציילט מיר אַ מעשה.

פאַלן די שנייעלעך
שטיל און געלאַסן,
זענען פארכישופט אויס
ביימער און גאַסן.

אַ פרעסטל געקומען,
די שויבן פאַרשפינען —
האָב איך דאָס מעשהלע
אויף זיי געפונען.



# ווינטער

ווינטער, ווינטער, ווייסע פראַכט,
שיט אַ שניי, אַ גאַנצע נאַכט.
נאַכט און טאָג, שנייט און שנייט,
ליגט אַ ווייסער טוך צעשפּרייט —
אויף די דעכער, אויפן פעלד,
אויף דער גרויסער שיינער וועלט.

ווייסער שימער, זילבער - גלאַנץ,
שנייען אין אַ פליטער - טאַנץ.

אויסגעצירט אין ווייס געוואַנט
ווערט דער גאָרטן — וואונדער-לאַנד.
און דאָס וואונדערלאַנד איז גרויס:
ווי די בערן זעען אויס
בלומען - קוסטעס אַלערליי
און דער שניי שיט נאָך אויף זיי.

ווייסער שימער, זילבער - גלאַנץ,
שנייען אין אַ פליטער - טאַנץ.

יעדער בוים — אַן אַלטער גרייז
און דאָס בערגל — צוקער - ווייס,
פון דעם בערגל אין גאַלאָפּ
שליטלען קינדער זיך אַראָפּ,
פריילעך, פריידיק אין דעם שניי —
זיידע - ווינטער שטיפט מיט זיי.

ווייסער שימער, זילבער - גלאַנץ
שנייען אין אַ פליטער - טאַנץ.

# אויפן גליטש

מיין טאַטע האָט מיר גליטשערס צוויי
צום ווינטער שוין געקויפט.
שרויף איך זיי צו מיינע שיך
און גליטש זיך אויפן הויף.

נאָר אויפן הויף עס גליטשט זיך נישט
אַזוי געשיקט און שיין —
לויף איך צו מיין שולע גליטש,
וואָס גלאַנצט זיך גלאַט און ריין.

דאָרט גיסט מען וואַסער אויף איר אויס.
דאַכט זיך ס׳איז פון גלאָז·
— פאַלסטו איינמאָל אויפן גליטש,
ווער נישט באַלד אַ האָז!

מיר נעמען שנעל זיך פאַר די הענט
און זינגען צו אַ ליד —
אַ מחיה אויפן גליטש,
ווען שאַרף אַ פרעסטל בריט.



# וואָס איז
# דאָרט געשען?

וואָס איז דאָס ביי יאָסעלען
אין שטוב אַזאַ מין פרייד?
ווערט ביי אים אַ יום-טוב היינט
פאַר עמיצן געגרייט?

וואָס טוט זיך ביי דעם יאָסעלען,
וואָס איז דאָרט געשען?
— קום צום פענצטער אָט-אַ דאָ,
קען מען אלצדינג זען.

— קוקן דורכן פענצטער? —
נישט חבריש, נישט שיין.
בעסער לאָמיר פרעגן זיך
ביי יאָסעלען אַליין.

יאָסעלע א פריילעכער
דערציילט זיי און ער לאַכט:
— מיין קעצל מיזשע האָט געהאַט
קעצעלעך אַזש אַכט.

# ס׳האָט מיין פּופּע
# זיך פֿאַרקילט

ס׳האָט מיין פּופּע זיך פֿאַרקילט,
הוסט זי, הוסט אַ גאַנצע נאַכט —
נעכטן זיך נאָך שיין געשפּילט,
היינט ליגט זי אין היץ פֿאַרשמאַכט.

ס׳איז דער דאָקטאָר שוין געווען,
אַ רעצעפּט פֿאַרשריבן גלייך —
כ׳ווייס נישט וואָס איר איז געשען?
ס׳איז איר פּנים אַזוי בלייך...

אפשר ווייל געבאָדן איר
האָב איך נעכטן אויף דער גאַס?
און געווישט זי מיט פּאַפּיר
און זי איז געבליבן נאַס?.

אין אַפּטייק איך לויף אַצינד —
דאַרף איר מאַכן אַ קאָמפּרעס.
ס׳זאָל מיין פּופּע זיין געזונט,
מוז געשען מיט איר אַ נס.

# די
# קליינע
# באַלעבאָסטע

איך האָב ליב אַלץ ליכטיק, ריין·
כאָטש מען זאָגט, אַז איך בין קליין.
נעם איך נאָר די באַרשט אין האַנט,
פינקלט אַלץ אין שטוב און בלאַנקט.

מיט דעם שטויב-טוך אויף און אָפּ,
ווישׁ דעם שטויב פון אַלץ אַראָפּ,
קריכט אַ שפּין אַוועק אין זייט:
— שפּינעלע, פאַרקריך נישט ווייט.

שרהקע שטייט אויף שטענדיק פרי,
ווייל איך טאָן אַזוי ווי זי:
העלפן רוימען, כאָטש כ'בין קליין,
וועל איך אויך אַ גרויסע זיין.



# אַ הינטעלע

אַ הינטעלע. אַ שטיפערל,
מיט גלעקעלע — קלינג, קלינג.
מיט קלוגע שוואַרצע אייגעלעך
און ווי אַ קעצל פלינק.

מיט ווייס געקרויזטע הערעלעך,
אַ נעזעלע אַ קליינס —
די מאַמע האָט עס מיר געברענגט,
דאָס הינטעלע, מיין שיינס.

איך קעם עס מיט אַ קעמעלע,
קאָרמע עס אַליין;
דרייט עס מיטן עקעלע —
וויל שפּאַצירן גיין.

פאַרשלייף איך אים אַ רויטע באַנד,
ווייסט ער שוין: מען גייט.
צו דער טיר ער לויפט פאָרויס
און האַוקעט אַזש פאַר פרייד.

מיין הינטעלע, מיין שטיפערל,
פֿאַרשטייט מיין יעדן ווינק —
די ווייסע קורצע פיסעלעך,
ווי ביי אָ קעצל פלינק.

# אַ
# שפּיל
# אַזאַ

האָב איך אַזאַ שפּיל פאַרטראַכט —
אַרבעט פון דער פרי ביז נאַכט:
פון פּאַפּיר און מיט אַ שער
שנייד איך אויס מיר וואָס כ׳באַגער.
פון אַ זילבער - גרוי פּאַפּיר,
ווערט מיר באַלד דאָס קיך - געשיר —
טעפּלעך, פענדלעך קליין און גרויס,
אַלץ שער איך גענוי מיר אויס.
וויל איך, ווערט אַ קיך אַ פּראַכט,
פון אַ ווייס פּאַפּיר געמאַכט.
פונעם גרינעם און פון רויט —
ווערן מייערן, ווערן קרויט.
פון דעם העל - ברוינעם פּאַפּיר
מאַך איך זעמעלעך פאַר מיר;
ווילט איר? איז עס אויך פאַר אייך
און פאַר אַלע, אַלע גלייך.

# בלויע רויזן

רויזן ווייסע, ראָזע, רויטע
און אויך געלע נישט פאַרפעלט,
נאָר קיין בלויע רויזן, ווייס איך,
נישט פאַראַן איז אויף דער וועלט.

דאָך האָב איך די בלויע רויזן
ביי אַ מיידעלע דערזען —
רויזל הייסט דאָס וואונדער מיידל
און האָט יאָרן פולע צען.

אונטער זיידן - לאַנגע וויעס
בליען רויזן ביי איר צוויי —
איז דער הימל אפשר בלויער?
ניין, נאָך בלויער זענען זיי.

קוקט אַרויף צום הימל רויזל,
שמייכלט הימל איר צוריק
און אויך גאָלדיק - העלע שטראַלן
פינקלען פריידיק פון איר בליק.

# דער
# אייפל-
# טורעם

אייפל - טורעם — שטאָל און אײַזן,
צו די וואָלקנס וויל דערגרייכן;
וויל דער וועלט די שיינקייט ווײַזן —
גאַנץ פּאַריז פון זיינע הייכן.

פאָרט מען הויך אַרויף און העכער
זען די שענסטע שטאָט פון אויבן;
עפנט זיך אַ וואונדער - פּעכער —
אויף דעם פּעכער גרויע טויבן.

אין די נעכט עס לייכט דער טורעם,
און מיליאָנען ליכטער ווינקען,
קינדער זעען אים אין חלום —
זילבער - גלאַנץ פון שטערן טרינקען.



59

# אינהאלט


אַ וואָרט וועגן מחבר — מ. וו. . . . . . . . . 5
די באַן . . . . . . . . . . . . . . . 9
צום לויטערן קוואל . . . . . . . . . . 13
וואָלקנשפּיל . . . . . . . . . . . . 14
כ'האָב אַ שוועסטער . . . . . . . . . . 16
איילו — לו־לו . . . . . . . . . . . 18
אַ האַלבע לבנה . . . . . . . . . . . 20
אַפּריל . . . . . . . . . . . . . 21
אָנהייב פרילינג . . . . . . . . . . 22
פרילינג . . . . . . . . . . . . . 24
גרינע גרעזעלעך . . . . . . . . . . 26
אַ הון איז געשטאַנען . . . . . . . . . 27
אין אַ הייסן זומער־טאָג . . . . . . . . 30
אַ התונה אין גאָרטן . . . . . . . . . 31
אויפן פידעלע . . . . . . . . . . . 34
זומער - פרייד . . . . . . . . . . . 36
אַ קאַפּעלע . . . . . . . . . . . . 38
קרויטן . . . . . . . . . . . . . . 40
האַרבסט . . . . . . . . . . . . . 42
פייגעלעך . . . . . . . . . . . . . 43

שנייעלעך, פליטערלעך . . . . . . . . . 44
ווינטער . . . . . . . . . . . . . . 46
אויפן גליטש . . . . . . . . . . . . 48
וואָס איז דאָרט געשען ? . . . . . . . . 50
ס'האָט מיין פּופּע . . . . . . . . . . . 51
די קליינע באלעבאָסטע . . . . . . . . . 52
אַ הינטעלע . . . . . . . . . . . . . . 54
אַ שפּיל אזא . . . . . . . . . . . . . 56
בלויע רויזן . . . . . . . . . . . . . 57
דער אייפל־טורעם . . . . . . . . . . . 58

אילוסטראציעס פון מ אַ ר ע ק  ה אַ ל ט ע ר
זייטן: 9 — 10 — 11 — 12 — 29 — 39 — 49 — 53

אילוסטראציעס פון ד ו ד  ט ו ש י נ ס ק י
זייטן: 17 — 25 — 35 — 45 — 59

# אפרופן וועגן דער « מיניאטור - ביבליאטעק »

### „קולטור־בלעטער" — פ אַ ר י ז

„... די דריי ביכלעך פון דער „מיניאטור־ביבליאָטעק", אַרויסגעגעבן דורכן קולטור ־ קאָנגרעס, האָבן אַן עסטעטישן אויסזען און קענען דינען ווי א „טאַשן-אויסגאַבע" אויף דער יידישער גאס — אין זין פון צוטריטלעכקייט פון פרייז און פון ערנסטן אינהאלט. עס בלייבט אונדז צו ווינטשן, אז די „מיניא־טור-ביבליאָטעק" זאָל קענען עפטער אַרויסגעבן וואָס מער און מער ביכער·

### „פאלקסבלאט" — תל ־ אַביב — י. טורקאוו

„... דאָס דריטע ביכל פון דער „מיניאַטור־ביבליאָטעק" איז ל. דאָמאנקעוויטשעס „צעשאָטענע קערנער". אַ זאַמלונג עסייען. ל. דאָמאַנקעוויטש, וועלכער האָט זיך נאָך דער מלחמה דער־וואָרבן אָנזען מיט זיין בוך פון „אַקטועלן און אייביקן" איז אַן עסייאיסט־פילאָזאָף, דאָס זעט זיך אויך אין זיינע אָפּשאַצונגען פון שרייבער און ווערק אין "צעשאָטענע קערנער".

דאָמאַנקעוויטש איז גערדאַנקלעך פאַרטיפט. ער האָט אַ סאָציאַלן צוגאַנג צו געשיכטלעכע און קינסטלערישע דערשיי־נונגען און גיט אָפטמאָל אַ בליק מיט אָריגינעלער אויפפאַסונג"·

### "פרייע ארבעטער שטימע" — ניו־יאָרק — ח. ל. פוקס

וועגן אברהם וווייצ׳ס „דער קארשנבוים"

„... דווקא אין די נאָוועלן, וואו ער ברענגט אַרויס דעם ספּעציפישן פאַריזער אַראָמאַט און וואו ער מאָלט זיינע בילדער אין שטילע טענער, דערזעען מיר דעם וועג פון זיין טאַלאַנט.

„... דאָס וואָרט ווערט בילד און בילד ווערט כאראקטער

און פסיכישער קאָנפליקט. די אַלע בילדער וואָס ווערן אַזוי קורץ און צוגלייך אַזוי איינדרוקספול געמאָלן. ווייזן אויף אַ נייעם אופן פון זיין שרייבן.

„... בכלל זענען די נאָוועלן אָנגעלאָדן מיט יצירה, מיט אַ ווילן אַרויסצוברענגען שיינקייט און עכטקייט אין יידישן

## „אונדזער וואָרט" — פּאַריז - משה לבני

ל. דאָמאַנקעוויטש האָט געמלעך באַוויזן, אַז מען מוז זיך נישט צופּאַסן מיט דער געדאַנקען-וועלט, מיט פאָרם און סטיל צום פאָפּולערן ניוואָ פון אַ צייטונגס-לייענער, נאָר מען קען דער-ציען דעם קאָנסומענט פון לייכטן, פאַרווײַלענדיקן לייען-שטאָף און פאַרוואַנדלען אים אין אַ לייענער, וואָס טראַכט זיך אַריין און האָט אַ קריטישן צוגאַנג, וואָס פילט ביים לייענען דעם טעם פון אַ גייסטיקער, אינטעלעקטועלער איבערלעבונג.

אפשר נישט ווילנדיק און אפשר טאַקע בכוונה האָט דער מחבר געבויט זיין זאמלונג עסייען לויטן אָנגענומענעם פּעדאַ-גאָגישן כלל פון אָנהויבן מיט לייכטערע זאַכן און איבערגיין שטופנווייז צו שווערערע ענינים ער האָט אָנגעהויבן מיטן כלל, מיט אַלגעמיין-באַקאַנטע באַגריפן פון געשיכטע, פון דער נאָענ-טער פאַרגאַנגענהייט פון יידישן קידוש-השם, פון שוין דורכ-געאַקערטע טעמעס, ווי דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, רדיפות אויף יידן אין דער חורבן-צייט, כדי איבערצוגיין בהדרגה-דיק צו דער וועלט פון יחידישן אינטעלעקט.

און זאָלן מיר נישט פאַרגעסן אַ וויכטיקן אַספּעקט פון דער דאָזיקער זאַמלונג — אַן אַספּעקט, וואָס איז גילטיק פאַר יע-דער ליטעראַטור: דעם סטיל. אַ סך לייענער באַציען זיך גלייכ-גילטיק צו דער פאָרם און האַלטן פאַר וויכטיק נאָר דעם מאָראַ-לישן אָדער מאַטעריעלן תוך, צי נאָר דעם סיפור-המעשה· אפשר מער ווי אַלע אַנדערע עלעמענטן פון אַ יצירה דריקט אויס דער סטיל די פּערזענלעכקייט פון מחבר. עס איז כדאי זיך צוצוהערן צו די וויבראַציעס פון ל. דאָמאַנקעוויטשעס אויסדרוקן און ווער-טער-אוצר".

# מיניאַטור־ביבליאָטעק

## דערשינען

1 — אברהם ווייץ — „דער קאַרשנבוים“ — נאָוועלן
2 — מנוחה ראַם — „ווייטער פון טראַקט“ — דערציילונג
3 — ל. דאָמאַנקעוויטש — „צעשאָטענע קערנער“ — עסייען
4 — פערל האלטער — „יונגע טעג“ — לידער

## בקרוב דערשיינט

באָרווין פרענקעל — „מיט יידישע קינסטלער“ — שמועסן און באַמערקונגען

*

אויסגאַבעס פון קולטור-קאָנגרעס אין פראַנקרייך:

1 — קינדער־אַרבעטן וועגן שלום־עליכמען
2 — צוויי דובנאָוו־קאַרטלעך
3 — אַ דובנאָוו־פּאָרטרעט
4 — הונדערט יאָר דובנאָוו — ביאָגראַפיע און עסיי